# „נייער פאלקסבלאט“

# פערגרעסערט און אילוסטרירט!

די לעזער פון „נייעם פאָלקסבלאט“ האָבען זיך פון לאנג איבערצייגט, אז מיר קארגען נישט קיין מיה און מיטלען צו פערבעסערן אונזער צייטונג אין אלע הינזיכטען, סיי אין רעדאקציאָנעלער, סיי אין טעכנישער.

מיר קענען איצט קומען צו אונזערע לעזער מיט א בשורה, וועלכע וועט אָהן ספק אויפגענומען ווערען מיט דער גרעסטער צופרידענהייט.

נאָך א גרינדליכער טעכנישער און רעדאקציאָנעלער צוגרייטונג, האָבען מיר בעשלאָסען ארויסצוגעבען אונזער צייטונג

## אין א פערגרעסערטע פאָרמאט און אילוסטרירט.

„נייער פאלקסבלאט“ ערשיינט פון היינט אָן

# 10 זייטען טעגליך און 20 זייטען פרייטאג

גלייכצייטיג וועט יעדער נומער ברענגען

## א רייכע אילוסטראציאָנס־מאטעריאל

די אקטועלסטע בילדער און אילוסטראציעס פון פאליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען אין לאנד און אין דער וועלט.

איינאיינעם מיט דער גרויסער

## טעכנישער פערגרעסערונג און פערפיינערונג

פון אונזער רייך־אינפארמאטיווער צייטונג פיהרען מיר אויך איין א גאנצע רייה נייע זעהר

# וויכטיגע, אינטערעסאַנטע און בעלעהרענדע אפטיילונגען

דהיינו די אפטיילונגען:

## האנדעל און מלאכה
## פרוי און קינד
## רעכט און לעבען (ווירישע בייל‏אגע)
## לאמיר זיין געזונד (מעדיצינישע בייל‏אגע)

## די הומאריסטישע אפטיילונג

פון אונזער צייטונג וועט פערגרעסערט ווערען און ערשיינען יעדען פרייטאג אלס

## בעזונדערע ביילאגע

## ספארט

עס וועט אויך פערגרעסערט ווערען די אפטיילונג פון

פאר דער לייטונג פון די אלע אפטיילונגען זענען אנגאזשירט געווארען ספעציעלע פאכמענערישע כוחות.

15 גראשען 15 גראשען וועט דער פרייז פון „נייעם פאלקסבלאט“ בלייבען נישט געענדערט, בלויז 15 גראשען

נישט קוקענדיג דערויף, וואס די אויסגערעכענטע פערפוילקאָמונגען פון אונזער צייטונג זענען פערבונדען מיט גרויסע הוצאות

מיר זענען טיף איבערצייגט, אז דער פערגרעסערטער און אילוסטרירטער „נייער פאלקסבלאט“ וועט פערמיפען די סימפאטיעס, וועלכע אונזער צייטונג געניסט צווישען דעם ברייטסטען לעזער־עולם און וועט אונז שאפען פיל נייע פריינד און לעזער


# Dr. Różaner

## צוריקגעקעהרט

ספעציעל־סט פון הויט און וענערישע קראנק־הייטען און קינדערלאָזיגקייט

נארוטאָוויטשא 9, טעלעפאָן 128-98

נעמט אָן פון 8–10; 5–8 אָוונד



## אכטונג, דאמען!

דערמיט מאך איך בעקאנט מיין געעהרטע קונדשאפט, אז אין מיין

## דאמען־שניידער־אטעליר

# L. APPEL

ŁÓDŹ, GDAŃSKA 15

prawa oficyna, parter

איז אָנגעקומען די נייעסטע

## הערבסט־ און ווינטער־זשורנאלען

נ׳ווערען אנגענומען זעמטליכע בעשטעלונגען צו צוגענגליכע פרייזען.

רעעלע בעהאנדלונג! פינקטליכע אויספיהרונג! קומט און איבערצייגט אייך!


צו דער רעגירונגס־ענדערונג אין ענגלאנד



מאסען מענשען ווארטען אויפ׳ן אויסגאנג פון די פארטיי־אונטערהאנדלונגען


# Dr. M. Lerner

קינדער־קראנקהייטען

## צוריקגעקעהרט

זאכאדניא 64, טעל. 113-09

נעהמט אָן פון 3–5 נאָכמיטאָג. 4279



## מאשין־לעבער

ווערן אָנגענומען אויסצונייען ביי

ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8



# ״אייז״

יעדען קוואנטום

צו ביליגע פרייזען

ליפערט

Lodownia Południowa 22

tel. 190-48 i 191-26.




אינטערנאציאנאלע אלימפיאדע פון טויב־שטומע אין נירענבערג



א בילד פון דער פערפלייצונג אין כינא

